**לעילוי נשמת**

הוו"ח אי"א נו"מ ר' **בן ציון** ב"ר **שלמה** ע"ה

**י ע ק ב י**

נפטר בש"ק פ' וישב, כ"א כסלו ה'תשמ"ח

**ת.נ.צ.ב.ה.**

כתובתינו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

**שניאורסאהן**

**מליובאוויטש**

## חנוכה

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ואחת לבריאה

יובל שנים לנשיאות כ"ק אדמו"ר מה"מ

# חנוכה

א. אין דעם נוסח פון „ועל הנסים" פון חנוכה זאָגט מען: „ואחר כך באו בניך לדביר ביתך ופנו את היכלך וטהרו את מקדשך והדליקו נרות בחצרות קדשך".

איז ידוע אין דעם די שאלה: וואָס מיינט „והדליקו נרות בחצרות קדשך" — מקום המנורה איז דאָך (ניט אין חצר המקדש, נאָר) בפנים, אין היכל?

דער חתם סופרי[1] פאַרענטפערט עס לויטן פסק הרמב"ם[2] אַז „הדלקת הנרות כשירה בזרים לפיכך אם הטיב הכהן את הנרות והוציאן לחוץ מותר לזר להד־ליקן". און וויבאַלד די יוונים האָבן מטמא געווען דעם היכל — „הי'[3] ההיכל מלא גלולים" — איז „עד[3] שפינו את היכלך וטהרו את מקדשך . . לא הדליקו נרות בפנים אלא בחצרות קדשך בעזרה"[4].

[און דערפאַר איז דער נס נתפרסם געוואָרן צו אַלע אידן — „שכל ישראל ראו הנרות דולקים ח' ימים"[3], וואָרום אויב מ'האָט די מנורה געצונדן אין היכל, וואָלטן בלויז די כהנים געקענט זען דעם נס].

אָבער לכאורה צ"ע בתירוצו:

א) פון פשטות הלשון „באו . . ופנו . . וטהרו . . והדליקו"[5] איז משמע, אַז דער „והדליקו" איז געווען נאָך דעם ווי „פנו את היכלך וטהרו את מקדשך". און אַזוי איז מוכח אויך פון דעם וואָס עס שטייט בכמה מקומות[6] אַז דער שם חנוכה איז ע"ש חנוכת המזבח והמקדש (נאָכדעם ווי די יוונים האָבן מחלל געווען דעם מקדש). קומט אויס, אַז בכ"ה בכסלו[7] — ובמילא אויך הדלקת הנרות (וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בכ"ה בכסלו) — איז שוין געווען נאָך דעם ווי „פנו . . וטהרו".

1) בדרשות שלו (קלוזש תרפ"ט. ירושלים, תשכ"א) סז, א.

2) הל' ביאת מקדש פ"ט ה"ז.

3) ל' החת"ס שם.

4) ראה רמב"ם הל' בית הבחירה פ"א ה"ה. ועוד.

5) וכן פשטות הלשון במגילת אנטיוכס (נדפסה בכמה סידורים. ועיין בהנסמן באנציקלופדיא תלמודית ע' חנוכה ע' שסא הערה 818 ובמבוא אלי' להרב קאפח (ירושלים תשמ"א)) קרוב לסופה: אחר כן באו בני חשמוני לבית המקדש . . וטהרו את העזרה . . ויבקשו שמן כו'.

6) מרדכי ואור זרוע (הל' חנוכה סשכ"א) — הובאו בדרכי משה לטאו"ח ר"ס עתר. שבלי הלקט (ענין ר"ח) סי' קעד. ועוד (ראה הנסמן באנציקלופדי' תלמודית שם ע' רמב. לקו"ש ח"י ע' 279 בהערה. ח"כ ע' 633 בהערה).

7) שאז כבר התחיל חינוך המזבח והמקדש*, ע"ד חנוכת המזבח דמשכן וחנוכת הבית דשלמה (ראה מגילת תענית פ"ט. פסיקתא רבתי פ"ו בתחלתו. ועוד. וראה לקו"ש שם). וכן מפורש ביוסיפון פ"כ (וכן בס' חשמונאים** א ד, נב ואילך). וראה חי' חת"ס לשבת כא, ב ד"ה ולדידי.

אבל להעיר דלפמ"ש הרמב"ם (הל' חנוכה פ"ג ה"ב) שנצחון המלחמה הי' בכ"ה בכסלו (וראה הנסמן בלקו"ש ח"י ע' 143. ח"כ ע' 446. ועוד), צ"ע אם אפשר לומר שהספיקו לפנות ולטהר כו' בו ביום קודם הדלקת המנורה. ואפילו לדעת המאירי שבת שם [וכ"ה במאמרי אדה"ז — תקס"ג (ע' נז). שערי אורה ד"ה בכ"ה בכסלו פנ"ג. סהמ"צ להצ"צ ריש מצות נ"ח (עא, א). ועוד. וכן מוכח בלקו"ת צו טז, א (ותו"א ס"פ וישב)] — דנצחון המלחמה הי' בכ"ד בכסלו, צ"ע ג"כ אם אפ"ל כן.

*) וצע"ק במגילת תענית שם: ובנו כו' והיו מתעסקין בו שמונה ימים. דמשמע לכאורה שהחינוך התחיל רק לאחרי הח' ימים (וכ"כ בזרע יעקב לשבת שם (שהובא בחת"ס שם). וכן משמע באור זרוע שם). ואולי הכוונה ב„מתעסקין בו" — בהחינוך.

**) הוזכר בס' בה"ג הל' סופרים. וראה לקו"ש חט"ו ע' 368 הערה 17 ע"ד ספר זה.





ימיו חסרים, כדברי יעקב שאפילו מאה ושלושים שנה הם „מעט"[6], כיון שעדיין לא באה הגאולה בפועל.

ועוד ועיקר: להוסיף בלימוד והפצת פנימיות התורה (ותורה בכלל — ענינו של יעקב), שמן (רזין דרזין) שבתורה, באופן שמאיר „על פתח ביתו מבחוץ"[7], „יפוצו מעינותיך חוצה"[8], „עד דכליא רגלא דתרמודאי"[7].

(משיחות ש"פ מקץ, שבת (ו') חנוכה, אדר"ח טבת תשנ"ב)

6) ויגש מז, ט.

7) שבת שם.

8) משלי ה, טז.

# נה.

מהתגלות תורת חסידות חב"ד ע"י רבינו הזקן בי"ט כסלו הולך וניתוסף ביתר שאת וביתר עוז בכל שבעת הדורות דנשיאי תורת חסידות חב"ד, כולל ובמיוחד ע"י התייסדות ישיבת תומכי תמימים, חיילי בית דוד שיוצאים למלחמת בית דוד לנצח את אלה „אשר חרפו עקבות משיחך"[1], ולהביא בפועל ההתגלות דדוד מלכא משיחא[2], ובפרט בדורנו זה, שכבר נשלמו כל הענינים, וצריכים רק „לפתוח את העיניים" ולראות ש„הנה זה (המלך המשיח) בא"[3].

* * *

מההוראות מהאמור לעיל בנוגע למעשה בפועל:

כיון שנוסף לכך שדורנו זה הוא דור האחרון של הגלות, סוף הגלות, ודור הראשון של הגאולה, התחלת הגאולה, נמצאים אנו בימי סגולה השייכים להגאולה . . יש להוסיף מיום ליום (כהוראת ימי חנוכה[4] ש„מכאן ואילך מוסיף והולך"[5]) בהענינים המביאים את הגאולה בפועל ובגלוי.

ומהם:

חיזוק האמונה התשוקה והצפי' לביאת המשיח, עד כדי כך, שנרגש אצלו שכל זמן שמשיח צדקנו עדיין לא בא בפועל ובגלוי,

---

1) תהלים פט, נב.

2) ראה שיחת שמח"ת תרס"א — לקו"ד ח"ד תשפז, ב ואילך. סה"ש תש"ב ס"ע 141 ואילך.

3) שה"ש ב, ח ובשהש"ר עה"פ.

4) ובאופן של פעולה נמשכת גם לאחרי ימי חנוכה — שהרי „מעלין בקודש ו(עאכו"כ ש)אין מורידין" (שבת כא, ב).

5) שבת כא, ב. שו"ע אדה"ז או"ח סתרע"א ס"ב.





ב) בפשטות — האבן די יוונים אריינ־געבראכט „גילולים" ניט נאר אין היכל נאר אין אַלע טיילן פון בית המקדש (כולל די עזרה[8]), כמובן פון נוסח ועל הנסים גופא — „וטהרו את מקדשך" סתם, מ'האט מטהר געווען דעם גאַנצן בית המקדש[9]; פאַרוואָס זאָל מען זאָגן אַז טהרת העזרה איז געווען לפני טהרת ההיכל (און גאַנצע אַכט טעג) און אַז דערפאַר האָט מען געקענט צינדן די מנורה בעזרה אָבער ניט בפנים[10]?

מ'קען ניט זאָגן אַז דאָס האָט מען גע־טאָן בלויז כדי שיתפרסם הנס (כהמשך דברי החתם סופר שם, כנ"ל) — ווייל ביים אָנצינדען די מנורה (עכ"פ בפעם הא') האָט מען דאָך ניט געוואוסט אַז עס וועט טרעפן אַ נס.

ג) בכל אופן: ביאור הנ"ל פאַרענט־פערט נאָר דעם דיוק פאַרוואָס מ'זאָגט „בחצרות" און ניט בהיכל. עס בלייבט אָבער ניט מובן[11]: פאַרוואָס זאָגט מען „בחצרות" — לשון רבים, און ניט „בחצר קדשך" (בעזרה*)? ובפרט אַז פריער זאָגט מען אַלץ בלשון יחיד — „לדביר ביתך . . היכלך . . מקדשך", און דאָ איז מען משנה צו לשון רבים — „בחצרות"[11*].

ב. ולכאורה נראה לומר, אַז „והד־ליקו נרות בחצרות קדשך" ווערט ניט געמיינט די נרות המנורה שבמקדש — נאָר אַנדערע נרות[12] וואָס מ'האָט גע־צונדן אַלס אַ הילול ושבח צום אויבערשטן.

[ווי מען געפינט[13] אַז איינער פון די דרכים צו אויסדריקן אַן ענין פון הילול לה' איז דורך נרות. ועד"מ שנ"י „באורים כבדו ה'" (ווי עס ברענגט זיך להלכה לגבי נרות בית הכנסת[15]), און ווי מען געפינט (בנוגע למקדש) בשמחת בית השואבה, אַז מ'פלעגט צינדן

---

8) וכן מפורש בשבלי הלקט שם: טמאו את ההיכל והעזרות. וראה גם מגילת אנטיוכס שם: וטהרו את העזרה. ועוד.

9) וכן „לדביר" „היכלך" — הכוונה לכל ביהמ"ק — אלא ששינו הלשון ליופי המליצה,

— ויתרה מזה נ"ל דכולל גם העזרה „בחצרות קדשך": ועיד לשון הרמב"ם והכל נקרא מקדש (הל' ביהב"ח פ"א סוף ה"ה), שלכל אלה „באו ופינו וטיהרו" (משא"כ „והדליקו" — דפשיטא שלא הדליקו בקדה"ק).

10) ואולי י"ל עפמ"ש בלבוש (או"ח ר"ס עתר) שהיוונים הכניסו ע"ז להיכל ותקרובת ע"ז מטמא באהל (ובמגילת אנטיוכס שם: ויטהרו את העזרה מן ההרוגים ומן הטומאות) — ד(רק) ההיכל נטמא באהל, ולא העזרה (להדיעות שלא הי' מקורה — ראה מפרשים למדות רפ"ב. ובהנסמן באנציקלופדי' תלמודית ע' הר הבית ע' תקפד).

11) וקושיא זו היא גם על תי' הזרע יעקב שם, דמאחר שכולם טמאי מתים היו לא הורשה להם ליכנס בהיכל להדליק מאחר שיוכלו לעמוד בעזרה ולהדליק בהיכל ע"י קינסא כו' (ע"ש). — נוסף ע"ז שפשטות הלשון „והדליקו נרות בחצרות קדשך" משמע שהנרות היו „בחצרות קדשך" (ולא רק מעשה ההדלקה). ועוד.

11*) וראה אבודרהם (סדר תפלות חנוכה) „בחצרות קדשך ע"ש (ישעי' סב, ט) בחצרות קדשי" ושם מדובר ע"ד העיר ירושלים דוקא*, שהרי אין העזרה מקום משתה תירוש מע"ש. וראה לקמן הערה 18.

12) אבל באוה"ת דברים (כרך ו) ע' ב'שלח משמע קצת שקאי על נרות המקדש.

13) ראה סנהדרין לב, ב בתוד"ה קול בסופו. פרש"י ירמי' כה, י. ובתרגום שם: דמשבחין בניהור בוצין. — וראה לקו"ש חט"ו (ע' 366 ואילך) שמטעם זה, מצות נ"ח היא זכר לא רק לנס השמן כ"א גם לנצחון המלחמה (וכנוסח ד„הנרות הללו"). ע"ש.

14) ישעי' כד, טו ובתרגום (ופרש"י).

15) טור (ושו"ע) ושו"ע אדה"ז או"ח סתרי"ס ס"ד. וראה גם ברכות נג, א. פסחים נג, ב (הובא בטושו"ע ודאדה"ז שם ס"ג).

---

*) ולכאו' דוחק לומר שכוונת האבודרהם (וכן בההובא לקמן הערה 16*) היא רק להביא מקור (בקרא) להביטוי „חצרות קדשיך" — מבלי כל קשר תוכני לענין חנוכה.

„מנורות של זהב״[16] אין עזרת נשים (וועלכע האבן באלויכטן גאנץ ירו־שלים) צוליב דער שמחה גדולה פון שמחת בית השואבה].

און „והדליקו נרות בחצרות קדשך״ איז ניט אַ המשך צו פריער (צו „ופנו . . וטהרו״) נאָר דאָס באַציט זיך צו ווייטער — צו „להודות ולהלל לשמך הגדול״, אַז „הדליקו נרות כו׳ ו(גם) קבעו שמונת ימי חנוכה אלו (כדי) להודות ולהלל כו׳״.

ועפ״ז איז אויך מתורץ דער לשון „בחצרות קָדשך״ (ל׳ רבים) — ווייל די נרות האָט מען געצונדן (ניט (נאָר) אין חצר המקדש (בעזרה), נאָר) אויך[16*] אין עזרת נשים וסביבות המקדש[17] בכלל[18].

עס בלייבט אָבער ניט פאַרשטאַנדיק: עפ״ז קומט אויס, אַז אין דעם נוסח פון „ועל הנסים״ ווערט גאָרניט דערמאָנט — אפילו ניט ברמז[19] — וועגן דעם נס השמן דהנרות! מען דערמאָנט בלויז וועגן דעם נס דנצחון המלחמה — „מסרת גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים כו׳ עשית תשועה גדולה כו׳״.

די תמי׳ איז נאָך גרעסער. די גמרא זאָגט אין שבת[20]: „מאי חנוכה״ — און רש״י איז דערויף מפרש: על איזה נס קבעוה — „שכשנכנסו יוונים להיכל טמאו כל השמנים כו׳ ולא מצאו אלא פך אחד כו׳ נעשה בו נס והדליקו ממנו שמונה ימים לשנה אחרת קבעום ועשאום ימים טובים בהלל והודאה״.

קומט אויס אַז הלל והודאה („על הנסים בהודאה״[21]) האָט מען קובע גע־ווען (בעיקר) אויפ׳ן נס השמן[22] — איז ווי קומט עס אַז אין דעם נוסח ועל הנסים זאָל דער נס השמן כלל ניט דער־מאָנט ווערן?!

ג. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהק־דים הביאור אין דער שאלה הידועה[23] (אין דברי הגמרא הנ״ל): דער „עיקר הנס הי׳ בנצחון המלחמה רבים ביד מעטים גבורים ביד חלשים כו׳״, איז פאַרוואָס האָט מען קובע געווען ימי חנוכה (ניט אויפ׳ן נס פון נצחון המל־חמה וישועת ישראל מידי היוונים, נאָר) אויף דעם נס פון פך השמן? דלכאורה, „איך עשו מן הטפל עיקר״?

שטייט אויף דעם דער ביאור[24], אַז

---

16) סוכה נא, סע״א (במשנה).

16*) ולהעיר מאבודרהם (שם) ד„והדליקו נרות כו׳ ע״ש (יחזקאל כד, י) הרבה העצים הדלק האש״ (ומשמע שהוא ע״ש ריבוי הנרות).

17) ואין להקשות הרי „טמאו כל השמנים כו׳״ ואיך הדליקו הנרות בחצרות קדשך — כי רק במנורה שבהיכל צ״ל שמן טהור („טמאו כל השמנים שבהיכל״): ועוד דנרות אלו אי״צ התנאים ד„שמן זית זך״ ואפשר להדליקן באיזה שמן שהוא (ואפילו לא בשמן).

18) ועפמ״ש באבודרהם שם: „בחצרות קדשך ע״ש (ישעי׳ סב, ט) בחצרות קדשי״ — הרי קאי על העיר ירושלים (ראה מפרשים לישעי׳ שם). כנ״ל הערה 11*.

19) משא״כ באם „והדליקו כו׳״ קאי על נרות המנורה, אף שאין מפרטים הנס, מ״מ מזכירים כללות המאורע עכ״פ.

20) כא, ב.

21) רש״י שבת שם. וראה הערה הבאה.

22) כפשטות ל׳ הש״ס (ופרש״י) שם. ודלא כמ״ש בחדא״ג מהרש״א שם ד„מאי חנוכה . . מאיזה נס קבעו אותו להדליק בו נרות״ (שהרי הדלקת הנרות לא נזכרה כלל בברייתא שם). וראה לקמן הערה 52.

23) שערי אורה ד״ה בכ״ה בכסלו שם (וראה שם בריש המאמר). וראה גם מאמרי אדה״ז — תקס״ג שם. סהמ״צ להצ״צ שם. ועוד. וראה פר״ח או״ח סעתר״ (ד״ה עוד תי׳ בב״י): „שאין סברא . . (ש)עיקר יום הנצחון שנצחו מאויביהם . . שלא יקבעוהו לדורות״. וראה לקו״ש ח״י ע׳ 143 ואילך (בביאור שיטת הרמב״ם).

24) שערי אורה שם פמ״א־ב. פנ״ג. מאמרי אדה״ז שם. סהמ״צ להצ״צ שם (עא, א. שם, סע״ב





יעשה לנו נסים נפלאות וישועות בביאת משיח צדקנו, אשר לבואו מקווים — „קווינו כל היום״ — בכל יום.

בכבוד ובברכה לימי חנוכה מאירים,
מאירים גם בימים שלאחריהם,
בכל ימות השנה



---

נסים נפלאות וישועות: ע״פ נוסח „הנרות הללו״ בסיומו: להודות ולהלל לשמך הגדול על נסיך ועל נפלאותיך ועל ישועותיך. [ובתחילתו בשינוי הסדר: על התשועות ועל הנסים ועל הנפלאות. — נתבאר בארוכה בלקו״ש חט״ו שיחה א׳ לחנוכה (ע׳ 366 ואילך)].

לימי חנוכה מאירים . . בכל ימות השנה: כמו בכל המועדים (ובמכש״כ מהם) שנמשכת מהם הארה על ובכל השנה — ראה לקו״ת ברכה צח, ב.

(ד) מאיר חייהם תיכף, עוד בהיותם בחוץ, וכנ״ל, עד שנראה לעיני בשר, ואח״כ משתדל כדבעי לקרבם ולהביאם פנימה.

(ה) ועוד זאת, שנרות חנוכה מרמזים בכללות, שאף על פי שבחוץ שקעה החמה והחושך יכסה ארץ —

ביום זכאי דערב ימי חנוכה — שקיעת החמה מזכירה אותו אשר בא הזמן והרגע אשר בורא עולם ומנהיגו מקדשו במצוה חדשה — ולכן מודה להשם ומברך עלי׳ (גם) ברכת „שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה״ — מצווה אותו להדליק נר חנוכה.

(וא״ו) מצות נר חנוכה היא לאנשים ולנשים. אבל נהגו הנשים להוסיף בזה „שלא לעשות מלאכה בעוד שהנרות דולקות״ — חדורות הן בענין ותוכן דנרות חנוכה הדולקות עד שאין להן שייכות לשום מלאכה.

ויהי רצון שהעשי׳ בכל האמור, והרי המעשה הוא העיקר, ובאופן — כלשון הכתוב „ילכו מחיל אל חיל״ — דמוסיף והולך ואור, כל אחד ואחת בתוך כללות אחינו בני ישראל, תקרב ותמהר קץ חושך גלותנו, וקץ חושך כל העולם,

וכמו „שעשה נסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה״, כן במהרה בימינו ממש

---

כדבעי: ראה כתובות סז, רע״א.

שבחוץ שקעה החמה: דנר חנוכה מצותה משתשקע החמה. וראה מאמרים שבהערה ד״ה לאלה אשר.

והחושך יכסה ארץ: ישעי׳ ס, ב.

ביום זכאי דערב ימי חנוכה: ראה לקו״ש ח״כ ע׳ 632 הערה ד״ה ערב ימי חנוכה.

מקדשו במצוה . . מצווה: כלשון ברכת המצות: אשר קדשנו במצוותיו וציוונו. וראה תניא פמ״ו (סה, סע״ב ואילך). ובכ״מ.

מצות נר חנוכה היא לאנשים ולנשים: ד„אשה מדלקת נר חנוכה שאף היא חייבת בה״ (שבת כג, א. טושו״ע שם סתרע״ה ס״ג), ד„אף הן היו באותו הנס״ (שבת שם. וראה טור שם). ויתירה מזו, ע״י אשה נעשה הנס — פרש״י שבת שם ד״ה היו. וראה רשב״ם פסחים קח, ב ד״ה שאף הן. תוס׳ שם ד״ה היו. תוד״ה שאף הן — מגילה ד, א. ובפע״ח סוף שער החנוכה: גאולת יון ע״י בת מתתיהו״.

נהגו הנשים . . „שלא לעשות מלאכה בעוד שהנרות דולקות״: טושו״ע שם ר״ס עתר. ומהטעמים לזה — לפי שנעשה הנס על ידיהם (מג״א סק״א בשם מט״מ; ט״ז סק״ב).

המעשה הוא העיקר: אבות פ״א מי״ז.

כלשון הכתוב: תהלים פד, ח. וראה ברכות בסופה. שו״ע אדה״ז או״ח סקנ״ה ס״א.

כל העולם: ראה רמב״ם הל׳ מלכים ספי״א.

שעשה נסים כו׳: ברכת „שעשה נסים״. ולהעיר משייכות ברכה זו לי״ט כסלו — ע״פ מה שאמר אדה״ז „ברוך שעשה נסים לאבותינו הבעש״ט ורבינו הרב המגיד, בימים ההם פורים וחנוכה, בזמן הזה י״ט כסלו״ — שיחת י״ט כסלו תרצ״ג הנ״ל בריש המכתב (לקו״ד שם סי״א — כא, א), נדפסה גם בתור הקדמה לקונטרס ברוך שעשה נסים הנ״ל.

---

*) וראה לעיל ע׳ 390 ואילך. המו״ל.





דער עיקר הגזירה בימי חנוכה איז ניט געווען אויף די גופים פון אידן, נאר אויף דת ישראל[25] — „בטלו דתם״[26], „להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך״, וכמאמר חז״ל[27] „כתבו על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל״ (און די מלחמות בגשמיות זיינען געווען[28] א תוצאה פון די גזירות על דת ישראל[29]).

און דעריבער האט מען געמאכט אן עיקר, ניט פון דעם נס דנצחון המל־חמה (די הצלת הגוף), נאר פון נס השמן — דער נס פארבונדן מיט א קיום מצוה אין בית המקדש, און אין דעם גופא — מיט נרות המקדש, וואס איז מרמז אויף כללות ענין התורה ומצות כמש״נ[30] „כי נר מצוה ותורה אור״ — וואס דאס איז פארבונדן מיט דער הצלה רוחנית.

עס פאדערט זיך אבער ביאור: בשעת די גמרא איז מסביר „מאי חנוכה״ — „על איזה נס קבעוה״ — ווערט דער־ציילט בלויז פון דעם נס השמן און עס ווערט כלל ניט דערמאנט דער נס פון נצחון המלחמה

— די גמרא זאגט נאר 1) אלס הקדמה וקביעות הזמן „וכשגברה מלכות בית חשמונאי ונצחום בדקו ולא מצאו כו׳״, און 2) דער נס פון נצחון המלחמה („גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים כו׳״) ווערט כלל ניט דערמאנט, נאר בלויז אז ס׳איז געווען א נצחון —

איז ניט מובן: אמת טאקע אז דער עיקר הענין פון חנוכה איז די הצלה רוחנית, אבער ס׳איז דאך אויך געווען א הצלה גופנית, און אין אופן נסי לגמרי[31]; נאכמער: די הצלה רוחנית איז געקומען בלויז דורך (און נאך) דער הצלה גשמית —

עכ״פ בדרך טפל — האט די גמרא געדארפט דערמאנען אויך דעם נס פון נצחון המלחמה?

ד. וי״ל דעם ביאור אין דעם:

מען האט שוין פיל מאל גערעדט[32] וועגן דער מלחמת היוונים, אז ס׳איז ניט געווען סתם א מלחמה (רוחנית) קעגן דת ישראל, נאר דער דיוק איז אין דעם געווען — „להשכיחם תורתך (תורה שלך) ולהעבירם מחוקי רצונך״:

די יוונים האט ניט געארט אזויפיל וואס אידן לערנען תורה, דער צוועק פון זייער גזירה איז געווען „להשכיחם תורתך״ — צו מאכן פארגעסן אז די תורה איז דיין תורה, תורת הוי׳ וואס איז העכער פון שכל. ועד״ז — „להעבירם מחוקי רצונך״, אז אידן זאלן ניט מקיים זיין די חוקים — די מצות וועלכע זיינען

---

ואילך). ועייג״כ תו״א וישב ד״ה בכ״ה בכסלו (כט, א. ל, א). מקץ ד״ה ענין חנוכה (לב, ב ואילך). מאמרי אדה״ז — אתהלך לאזניא (ע׳ סג ואילך). ועוד. וראה ג״כ נר מצוה להמהר״ל (כב, א ואילך).

25) ראה ג״כ לבוש, ב״ח וט״ז — או״ח שם, בטעם שלא קבעו חנוכה לימי משתה ושמחה כפורים.

26) ל׳ הרמב״ם ריש הל׳ חנוכה.

27) ב״ר פ״ב, ד. וש״נ.

28) ראה רד״ה כי עמך תרל״ב (קה״ת, תשכ״ה) ובהערות שם. ולהעיר מלקו״ש ח״י ע׳ 144 הערה 18.

29) ראה גם ל׳ הרמב״ם שם. מגילת אנטיוכס בארוכה.

30) משלי ו, כג.

31) בהשלמה לשו״ע אדה״ז (להרר״נ מדוב־ראוונא) סעת״ר ס״ג שההצלה „לא הי׳ ע״ד נס גלוי״. אבל בפשטות כוונתו רק בערך להנס דפך השמן, שהרי מפורש „מסרת גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים״. וראה לקו״ש חט״ו ע׳ 368 ואילך.

32) ראה לקו״ש ח״ג ע׳ 815. חט״ו ס״ע 329 ואילך. ועוד.

העכער פון שכל און זייער קיום איז נאָר מיט קבלת עול — ווייל אַזוי איז רצונך, דעם אויבערשטנ'ס רצון.

די מלחמת היוונים איז געווען קעגן דעם וואָס ביי אידן איז ג־טלעכקייט אינ־גאַנצן העכער פון גדרי הבריאה, און קען ניט גענומען ווערן מיט שכל (אנושי).

ה. דאָס איז אויך איינער פון די בי־אורים אין דעם וואָס דער נס פון חנוכה (בשייכות צו דער הצלה רוחנית) איז געווען פאַרבונדן מיט נרות המנורה דוקא —

דלכאורה, די יוונים האָבן דאָך מטמא געווען דעם גאַנצן בית המקדש און מ'האָט געדאַרפט מחנך זיין דעם מזבח וכל כלי ההיכל[33]: פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז דער נס זאָל זיין בשייכות צו נרות המנורה דוקא?

איז דער ענין אין דעם[34]: מ'געפינט, אַז ווען מ'וויל באַצייכענען אַן ענין רוחני איז מען רגיל צו נוצן דעם מושג (און משל פון) „אור"[35], בלשון הכתוב[30]: כי נר מצוה ותורה אור. איינער פון די טעמים דערויף[36]: „אור" איז אויסגע־טיילט פון אַלע נבראים דערמיט וואָס כאָטש אויך אור איז אַ נברא בעולם הזה, ווערט ער ניט נתפס (כ"כ) אין גשם העולם.

וע"ד דעם חילוק אין קול מראה וריח:

אויך בנוגע צו קול זאָגן חז"ל[37] אַז „אין בו ממש". אָבער כאָטש בערך צו אַנדערע דברים גשמיים איז קול „אין בו ממש", פונדעסטוועגן ווערט עס נאָחז אין גשם — תנועות פון דעם אויר גשמי[38]; און אַזוי אויך ריח, אע"פ אַז דאָס איז בלויז אַ התפשטות פון דער זאַך[39], האָט עס אַן אחיזה אין גשמיות הדבר[40], ס'איז אַ טייל פון דער זאַך וואָס ווערט נתפשט ווייטער (און דערפאַר איז שייך אַז דער ריח זאָל ווערן שוואַכער ביז ער ווערט נכלה[41]).

משא"כ מראה איז ניט גשם הדבר הנראה.

---

33) ראה רש"י ע"ז מג, סע"א ד"ה מלכות. — ולכן גם לדעת בעל המאור (שם נב, ב) שאין בכלי שרת „וחללוה", הרי כאן שנטלום אנשי יון — הוכרחו לעשות חדשים ולחנכם (וראה גם בס' חשמונאים שם. מס: ויעשו כלי קדש חדשים). וראה אנציקלופדי' תלמודית ערך חנוכה ע' רמב. וש"נ.

34) בדרושי חנוכה בתרא שערי אורה וכו' נת' השייכות לענין השמן. וכאן נת' מצד תכונת האור. ולהעיר משל"ה (חלק תושב"כ שב, א בהגהה. וכן בנר מצוה להמהר"ל כג, ב ואילך) דחנוכה בכ"ה בחודש כמו התחלת הבריאה, וכמו שראשית הבריאה יהי אור כן מצות חנוכה בנרות. עיי"ש. וראה לקמן הערה 41.

35) ראה ספר הערכים־חב"ד ערך אור־בהירות סעיף יא (וראה שם מע' אור ס"א) וש"נ.

36) ראה גם שומר אמונים ויכוח שני ד"ה האמנם. וראה מגן דוד להרדב"ז אות ע"ן. ולהעיר מד"ה כי מנסה תש"ח פ"ב „דכל ענין המציאות למעלה הוא אור". ע"ש.

37) פסחים כו, א.

38) ועד שאפשר לעשותו נזיל וגם גוש.

39) ראה ד"ה וכל העם תשי"ז פ"א. לקו"ש ח"ח ס"ע 58 ואילך והערה 50 שם.

40) ועד ש„יש בו ממש" (רש"י פסחים שם ד"ה וריח).

41) משא"כ אור, אשר מצד עצמו לא הי' מתמעט אורו לולא „העכרורית שבהאויר" (המשך תרס"ו ס"ע תעז — בטעם שאור השמש אינו מאיר כ"כ למטה כמו למעלה).

ועפ"ז יתוסף ביאור במ"ש השל"ה שם (שא, סע"ב) דחנוכה הוא „חנוך העולם" — כי ענין האור מצ"ע מתפשט בכל העולם (לולא העכרורית שבהאויר ודברים המפסיקים כו'), ונמצא שהאור דנ"ח (שהדלקתם היא באופן שצריכים להאיר את החוץ) נמצא (מצ"ע) בכל העולם. וראה לעיל הערה 34.





(א) עצם הדלקת נרות חנוכה מראה — אפילו לעיני בשר — אשר קיום מצות הבורא ית' ממשיך אור אלקי בעולם הזה התחתון. וממנה למדים לכל המצוות, (בלשון הכתוב) כי נר מצוה ותורה אור.

(ב) מצות נר חנוכה היא באופן דמוסיף והולך, בהוספת נר ואור בכל לילה ולילה. והלימוד מזה הוא שאף על פי שבהדלקת נר אחד בליל ראשון דחנוכה הרי קיים המצוה בשלימותה, אבל לאחר שעבר יום וקנה עוד חכמה ועוד שלימות, שוב לא מספיק להדליק נר אחד בלילה השני, והוא מוסיף ומדליק — שני נרות, וכן מוסיף עוד נר מידי יום ביומו בימי חנוכה, מליל שני והלאה, שבעת ימים רצופים. וללמדך ג"כ, כנ"ל, שכן צריך להיות בכל עניני נר מצוה ותורה אור בכל שבעת ימי השבוע דכל השנה קיום הציווי דמעלין בקודש — בגלוי, כולל גם העלאה בהשפעת המצוה, תוספת אור בכל סביבתה.

(ג) הדלקת נר חנוכה היא „על פתח ביתו מבחוץ". והרמז בזה, כמדובר כמה פעמים, שאין להסתפק בהארת והחדרת ביתו בנר מצוה ותורה אור, אלא מחובתו ומזכותו להפיץ אור היהדות, התורה ומצוותי', גם מחוץ לביתו, להאיר בחוץ וברשות הרבים, בכל הסביבה, ובמיוחד לאלה אשר מאיזו סיבה שהי' עדיין נמצאים — מבחינת חיים יהודיים בשלימותם — בחוץ,

---

נרות . . אור אלקי: ראה זח"ב קסו, רע"א.

אפילו לעיני בשר: ראה שו"ע שם סתרע"א ס"ו ובנ"כ שם. לקו"ש ח"ה ע' 456.

בלשון הכתוב: משלי ו, כג. ושייך במיוחד לנרות חנוכה — ראה פרש"י ד"ה בנים, שבת כג, ב (וראה לקו"ש חי"ז ע' 143). וראה אוה"ת להה"מ ר"פ בהעלותך. תו"א מקץ לב, ב: לפיכך קבעו (נס חנוכה) בנרות על שם הפסוק כי נר מצוה כו'. וראה שם לח, ב ואילך. מב, א ואילך. שערי אורה ד"ה בכ"ה בכסלו פנ"ג (כב, סע"א ואילך). שם פנ"ט (כד, סע"א ואילך). אוה"ת חנוכה (כרך ז) תתתמ, ב ואילך. נ"ך עה"פ (ע' תקעו ואילך). ובכ"מ.

באופן דמוסיף והולך: שבת כא, ב. שו"ע שם סתרע"א ס"ב.

לאחר שעבר יום וקנה עוד חכמה: ד„ימים ידברו ורוב שנים יודיעו חכמה" — איוב לב, ז.

שבעת ימים רצופים: שבעת ימי ההיקף (שו"ת הרשב"א ח"א ס"ט), ובכל שבוע ושבוע הם אותם „ימי ההיקף שחוזרין חלילה" (סה"מ תרע"ח ע' רסט. תשי"ד ע' 192. וראה לקו"ת שה"ש כה, א).

שכן צריך להיות . . בכל שבעת ימי השבוע דכל השנה: להעיר ממשנ"ת כמ"פ, דמש"כ בכתבי האריז"ל (שער הכוונות דרושי ר"ה (לפני דרוש א). סידור האריז"ל (עשי"ת). מ"ח מס' ימי תשובה פ"א מ"ג) בנוגע לז' הימים (רצופים) שבין ר"ה ליוהכ"פ, שביום הראשון בשבוע שבימים אלו מתקנים ומעלים את ימי ראשון בשבוע דכל השנה שעברה, ועד"ז ביום ב' וכו' — עד"ז הוא גם בנוגע לימי השבוע הבאים — דמזה מובן גם בנדו"ד, בחנוכה.

הציווי דמעלין בקודש: ברכות כח, א. וש"נ. ירושלמי בכורים פ"ג ה"ג.

על פתח ביתו מבחוץ: שבת כא, ב. רמב"ם שם ה"ז. וראה טושו"ע שם סתרע"א ס"ה.

כמדובר כמה פעמים: ראה גם מכ' נר ה' דחנוכה ה'תשל"ד (לקו"ש ח"י ע' 283־84). ערב חנוכה ה'תשל"ד (שם ע' 287). כ' כסלו ה'תשל"ה (לקו"ש חט"ו ע' 531 ואילך). עש"ק ערב ימי חנוכה ה'תשמ"ג (לקו"ש ח"כ ע' 632 ואילך). ועוד.

וברשות הרבים: ראה מקומות שבהערה ד"ה על פתח ביתו מבחוץ. וראה לקו"ש ח"כ ריש ע' 643.

לאלה אשר . . נמצאים — מבחינת חיים יהודיים בשלימותם — בחוץ: ראה ד"ה מצותה כו' באוה"ת חנוכה (כרך ה) תתקמא, ב ואילך, סד"ה זה תר"ל, ד"ה זה תשל"ח*, סד"ה ת"ר נ"ח תרמ"ג (ועוד) בפירוש מאמר רז"ל (שבת שם) „עד דכליא ריגלא דתרמודאי".

---

*) נדפס בסה"מ מלוקט ח"ב ע' יז. המו"ל.

# חנוכה

ב״ה. יום שלישי פ׳ וישב,
כ״ף כסלו, ה׳תשמ״ז
ברוקלין, נ. י.

אל בני ובנות ישראל
בכל מקום שהם
ה׳ עליהם יחיו

שלום וברכה:

לקראת ימי החנוכה הבאים עלינו ועל כל ישראל לטובה, באתי כמזכיר אודות הוראות עקריות המודגשות במצות נר חנוכה, מצוה ראשונה בהמצוות המיוחדות הקשורות לימי החנוכה. ומהן — באופנה ובמקומה:

---

יום שלישי: בלשון אדה״ז בנוגע ליום גאולתו בשנת תקנ״ט „יום שנכפל בו כי טוב י״ט בכסליו" (אגרות קודש אדה״ז (קה״ת תש״מ) סי׳ לח. וש״נ).

כ״ף כסלו: להעיר אשר יציאת אדמו״ר הזקן מבית האסורים הי׳ בי״ט כסלו בעת תפלת מנחה, ביאתו לבית החסידים בפטרבורג הייתה יותר מג׳ שעות לאחרי זה — היינו בכ׳ כסלו ואז (בבוקר) אמר: ביום הרביעי (כי אז חל י״ט כסלו, כנ״ל, ביום השלישי) כו׳ נתלו המאורות (שיחת ליל א׳ י״ט כסלו (ס״כ) וליל ב׳ כ׳ כסלו (סי״ג) תרצ״ג — לקו״ד כרך א כט, א. מב, א).

כ״ף כסלו . . החנוכה: להעיר מהשייכות דימי הגאולה י״ט־כ כסלו לחנוכה — דקבעוה על נס השמן (שבת כא, ב ובפרש״י שם ד״ה מאי), ד„שמן" מורה על רזין דרזין דאורייתא — לקו״ת שה״ש ב, ד ואילך. ובארוכה — אמרי בינה שער הק״ש פנ״ד ואילך. ולהעיר, אשר שלימות הגאולה דאדה״ז, כשחזר מפטרבורג (עיר מאסרו) לוויטעבסק, הי׳ „ביום ג׳ ב׳ דחנוכה" ו„התעכב שם כל ימי החנוכה" (שיחת ליל א׳ י״ט כסלו הנ״ל ס״א — לקו״ד שם יב, א). וראה ברכות הנהנין לאדה״ז (פי״ג ה״ה): לא יברך החולה (ברכת הגומל) עד שיחזור לבוריו לגמרי.

כסלו: ולפעמים מלא יו״ד (מנחת שי לזכרי׳ ז, א. וראה תרומת הדשן סי׳ רלג. שדי חמד אסיפת דינים מערכת גט סי״ז סוס״ז (תתנה, סע״ג ואילך). וש״נ. שו״ע אה״ע סקכ״ז ס״ז (ברמ״א). שם סכ״ד).

כסלו: ראה לקוטי לוי יצחק — אגרות ע׳ רכג.

כמזכיר: ע״ד דאין מזרזין אלא למזורזין (ספרי נשא ה, ב. במדב״ר פ״ז, ו. וראה מכות כג, א).

הוראות . . במצות נר חנוכה: להעיר משל״ה (חלק תושב״כ פ׳ וישב דרוש צאן יוסף בהגה״ה), אשר חנוכה שייכת ופועלת בכל העולם כולו, עיי״ש בארוכה. ולהעיר מהוראת כ״ק מו״ח אדמו״ר (שיחת ליל ש״ק וישב, כ״ז כסלו, שבת חנוכה תש״ו — נדפסה בהוספה לקונטרס ברוך שעשה נסים, ברוקלין, תשי״א): מען דאַרף זיך צוהערן וואָס די ליכטלאַך — נרות חנוכה — דערציילן. — ולהעיר מתורת הבעש״ט הידועה (כש״ט (הוצאת קה״ת) הוספות סי׳ קכז־קכט), שבכל דבר שיהודי רואה או שומע ישנה הוראה בעבודת ה׳.

נר חנוכה, מצוה ראשונה: כי זמנה (מלבד הדלקת נ״ח דמוצאי ש״ק ובעש״ק) תיכף משתשקע החמה של היום שלפני היום דחנוכה (שבת כא, ב. רמב״ם הל׳ חנוכה פ״ד ה״ה. טושו״ע או״ח הלכות חנוכה ר״ס תערב), משא״כ אמירת „ועל הנסים" באה לאחרי זה, בתפלת ע״בית, ואמירת הלל — למחרתו. וראה לקו״ש ח״כ ע׳ 632 הערה ד״ה ובמיוחד מנרות חנוכה. וש״נ.





ומהאי טעמא ווערט רוחניות באַ־צייכנט מיטן נאָמען אור — ווייל צווישן אַלע דברים גשמיים שבעולם, איז אור[42] דער נברא הכי רוחני.

ו. דער ביאור הנ״ל בנוגע צו אור, גיט אויך אַ הסברה אין דעם מאמר חז״ל[43] בנוגע די נרות המנורה — „עדות היא לבאי עולם שהשכינה שורה ביש־ראל" (מצד דעם נס וואָס איז געווען ביים נר מערבי — „ממנה הי׳ מדליק ובה הי׳ מסיים").

דלכאורה איז ניט מובן[44]: פאַרוואָס איז דער נס פון נר מערבי אויסגע־טיילט פון אַלע „עשרה נסים (וואָס) נעשו לאבותינו בבית המקדש"[45], וואָס דוקא דער נס איז געווען אַן עדות „שה־שכינה שורה בישראל"? ולכאורה אדרבה: די מנורה איז געשטאַנען אין היכל וואו ניט יעדער האָט געקענט אַריינגיין; דאַקעגן זיינען אַ טייל פון די עשרה נסים געווען בעזרה[46] און אַזוי אַרום זיינען זיי געווען (מער) „ידועים לכל"[47].

ועפ״ז הנ״ל איז עס מובן, ווייל אור (אויך אור גשמי) — איז מער כלי צום אור השכינה. און דעריבער, ווען דער אור השכינה (וואָס איז העכער פון עולם) ווערט פאַרבונדן מיט אַ (גשמיות׳דיקן) אור, האָט עס אַ שטאַר־קערע ווירקונג אין באַלייכטן די וועלט מיט אור השכינה, און דערפאַר האָט דוקא דער נס (מיטן אור המנורה) באַ־איינפלוסט די „באי עולם" זיי זאָלן אנערקענען „שהשכינה שורה ביש־ראל".

און דערמיט איז אויך פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס די הצלה רוחנית פון חנוכה איז געווען פאַרבונדן מיטן נס פון פך השמן דהמנורה: דאָס איז ניט קיין זייטי־קער נס, נאָר אין דעם האָט זיך אויסגע־דריקט דער נצחון פון ימי החנוכה:

די אנערקענונג פון „תורתך" און „חוקי רצונך" — אַז ביי אידן איז מאיר (כנ״ל ס״ד) דער אור אלקי וואָס איז העכער פון שכל אנושי (וגדרי הבריאה) —איז אַרויס בגילוי אין (א) אַ נס (שנס — הוא מורם ולמעלה מגדר הטבע), און (ב) בשייכות מיט אור המנורה, וואָס איז אַ כלי צו דעם אור אלקי וואָס איז העכער פון בריאה, וואָס דערפאַר איז „עדות היא לבאי עולם שהשכינה שורה בישראל".

ז. ע״פ כל הנ״ל וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס די גמרא זאָגט „מאי חנוכה" — על איזה נס קבעוה, און דערמאָנט בלויז דעם נס פון פך השמן און דערמאָנט אינגאַנצן ניט דעם נס פון נצחון המלחמה — ווייל בשעת מען רעדט וועגן דעם מהות פון חנוכה („מאי חנוכה"), איז דאָס דער נס פון נרות חנוכה, וועלכער ווייזט אויף דעם אור רוחני (נר מצוה) וואָס האָט מאיר גע־ווען דורכן נצחון רוחני.

און אע״פ אַז דער נס גשמי איז גע־ווען די הקדמה און די סיבה פון דעם נס רוחני (וואָרום לולא דעם נצחון המלחמה וואָלט ניט געקענט זיין חנוכת המקדש ובמילא אויך ניט דער נס

---

42) אף שיש ענין באויר שהוא למעלה מאור (אויר — יו״ד אור) ושרש האור — כמבואר בדרושי חנוכה (בת״א, שערי אורה, סהמ״צ להצ״צ וכו׳). ואכ״מ.

43) שבת כב, ב. וש״נ.

44) לכללות סעיף זה — ראה גם לקו״ש ח״ז ע׳ 143 ואילך.

45) אבות פ״ה מ״ה. יומא כא, א.

46) ואחדים — גם בירושלים מחוץ לעזרה.

47) ל׳ רש״י יומא שם, סע״א. ע״ש.

הנרות)[48] — פונדעסטוועגן, נאָך דעם ווי מ'האָט שוין דעם נס רוחני, איז דער דבר (ונס) גשמי ניט תופס מקום.

[וואָס דער העדר תפיסת מקום דאָ איז ניט ע"ד מאמר חז"ל[49] שרגא בטיהרא מאי אהני, אַז אור הנר ווערט בטל לגבי אור השמש — ווייל דאָרטן, כאָטש דער אור השמש איז ניט בלויז אַ גרעסערער אור בכמות, נאָר ער איז אויך אַנדערש אין איכות האור איז אָבער דער אור הנר אַ מציאות של אור[50], ס'איז נאָר „מאי אהני".

משא"כ בנדו"ד, איז לגבי דעם אור רוחני וואָס האָט מאיר געווען בחנוכה (דורך נס הנרות) — וואָס איז פאַרבונדן מיטן אור אלקי שלמעלה מגדרי הבריאה — האָט די מציאות פון נצחון הגשמי קיין אָרט ניט[51]].

און דערפאַר איז עד"ז, לאידך גיסא, בנוגע דעם נוסח פון ועל הנסים: בשעת מ'וויל אָפּגעבן אַ הודאה להשי"ת אויפן נס פון נצחון המלחמה, קען מען דערביי ניט געבן בחדא מחתא די הודאה אויפן נס השמן — ווייל דעמאָלט איז „בטל" די מציאות (וחשיבות) פון נצחון המלחמה הגשמית. און דערפאַר טיילט מען דאָס פאַנאַנדער אין צוויי זמנים[52]: די הודאה אויף נס השמן דהנרות איז (בגלוי[53]) דורך הדלקת נרות חנוכה; און די הודאה אויף נצחון המלחמה (בגלוי[54]*) — באמירת ועל הנסים.

ח. פון יעדן ענין דאַרף מען אַרויסנעמען אַ הוראה בפועל אין עבודת ה'. איז די הוראה בפשטות: פון חנוכה נעמט מען דעם כח אַז ביי אַ אידן זאָל לייכטן דער אור הנשמה ביז אין אַן אופן אַז די עניני הגוף של האדם זאָלן ביי אים ניט תופס מקום זיין.

וואָרום אע"פ אַז די נשמה איז אַנגעטאָן אין אַ גוף און דאָ אין עולם הזה קען די נשמה ניט דינען דעם אויבערשטן סיידן דורכן גוף — אַלע מצות זיינען מיט דברים גשמיים דוקא און אויך דער שכל ומדות של הנשמה ווערן נתגלה דורך די אברים גשמיים, מוח הגשמי ולב הגשמי —

לערנט חנוכה, אַז עס איז בכחו פון אַ אידן אַז די גשמיות זאָל ביי אים ניט תופס מקום זיין. מען רעדט ניט וועגן

---

48) ויתירה מזו: גם לולא הנס דפך השמן היו נגאלים מגלות יון ע"י הנס דמסרת כו', וראוי לקבוע עי"ז יו"ט כו'.

49) חולין ס, ב. וראה גם פרש"י שם.

50) ראה גם המשך תער"ב פרק רפ. ובכ"מ. וראה סה"מ תרס"ה (ס"ע רנז) דאף ש"יש כאן ביטול העצם ג"כ . . דאור הנר נראה חשוך . . מ"מ עיקר הביטול הוא בהתפשטות כו'".

51) עפ"ז תומתק סברת הלבוש כו' דלעיל הערה 25. וראה הנסמן בהערה 28.

52) אבל שניהם ישנם. וקביעות ימי חנוכה היא ג"כ בשביל ניצוח המלחמה. וכגמ' שבת שם שהובא לעיל, שמביא בהמשך ל„מאי חנוכה" — זה שקבעום ל(הלל ו)הודאה, שהיא אמירת ועל הנסים שתוכנה שבח על נצחון המלחמה. אלא שבגילוי ובפירוש אא"פ להיות שניהם יחד, כבפנים.

53) ומ"מ י"ל, דזה שאומרים „והדליקו נרות בחצרות קדשך" — השבח ע"י נרות (אף שבודאי שבחו ושמחו גם באופנים אחרים) — מרמז על ענין האור דחנוכה (הקשור עם נס הנרות).

54) אף שגם הדלקת נ"ח שייכת גם לנצחון המלחמה (ראה הערה 13) — מ"מ אי"ז ענין שבגילוי. וגם בנוסח דהנרות הללו אין מזכירים בפירוש (פרטי) נס המלחמה.

*) וי"ל שזהו ג"כ הטעם לאריכות ל' הש"ס „וכשגברה מלכות בית חשמונאי ונצחום" — דלכאורה, בכדי לקבוע הזמן הי' מספיק לומר „וכשנצחום כו'" — כי בזה מרמז גם על הנס דנצחון המלחמה.





גשמיות וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט עבודת הנשמה — אַזאַ גשמיות דאַרף מלכתחילה ניט זיין, בכל דרכיך (—שלך) דעהו (—השם). נאָר אפילו גשמיות וואָס פירט צו רוחניות (ע"ד ווי דער נצחון המלחמה בימי חנוכה וואָס האָט געבראַכט צו דער הצלה רוחנית) — דאַרף מען פועל זיין ביי זיך, אַז די „גשמיות" זאָל ניט האָבן קיין תפיסת מקום: די גאַנצע מציאות של הגשמיות זאָל נאָר זיין דאָס — וואָס דורך איר פירט זיך דורך די עבודה (רוחנית) של הנשמה[55].

(משיחות ש"פ מקץ, שבת חנוכה — תשכ"ו, תשל"ד)

לקו"ש חכ"ה ע' 235

---

55) ראה בארוכה לקו"ש ח"ו ע' 103 ואילך.

## י"ט כסלו — חנוכה

**. . . ועל של עתה באתי, כוונתי לעניני חדש כסלו דכל שנה ושנה, והנקודה שכנראה אין מנצלים עניני חדש כסלו בבתי ספר הרשת בכלל ובפרט בנקודה הפנימית דהפצת המעינות, תורת החסידות הדרכותיה ומנהגי' (מתאים להגיל, רמת ידיעותיהם ותכונות נפש התלמידים־ות שי') והכוונה בזה — לא רק בהנוגע לימי יוד וי"ט כסלו, אלא גם בהנוגע לימי חנוכה, שאפי' את"ל שלא כל אחד יקבל הסברת השייכות דימי חנוכה להפצת המעינות דוקא (שהרי הנס הי' בשמן, רזא דרזין דאורייתא, (מעין שהוא מקור לבאר שממנו נמשך נהר) והמצוה — להאיר על פתח ביתו מבחוץ, הפצת המעינות חוצה), הנה בודאי תתקבל ההסברה שחנוכה מורה על הפצת אור תורה ובמס"נ מבלי התחשב עם כל מניעות ועיכובים, הן מבפנים (הנהגת הבית, ההורים) והן מבחוץ, וכמודגש בנוסח ועל הנסים וכו' וכו', ואפי' את"ל שחלק מימי חנוכה — בבתי ספר הנ"ל ימי חופש הם, כי כאן אין ידועים הסדרים בבתי ספר בארה"ק ת"ו בימים הללו, בודאי שלפניהם מדברים ע"ד עניני חנוכה.**

**ומהנכון שתיכף בהתקבל המכתב יתייעצו בכל הנ"ל בכדי שתהיינה ההכנות בעוד מועד ובאופן מתוכנן.**

**ויהי רצון שיהי' כל הנ"ל בהצלחה מופלגה ויבשרו טוב ובמפורש.**

**בברכת הצלחה בעבודתם בקדש מתוך שמחה וטוב לבב**

(ממכתב ה' כסלו, תשכ"ב)